# פאשקעוויל פארשפרייט אויף אידישע שפראך צו פארפירן די אידישע וויילער אין ראמאפא

אין די לעצטע טעג פון דעם היציגן קאמפיין פאר'ן עתיד פונעם חרדי'שען ישוב אין די טאון אוו ראמאפא, האבן די אנטי-חרדי'שע עלעמענטן, באקאנט אלס "פרעזערוו ראמאפא", ארויסגעשיקט א פאשקעוויל וואס אנטהאלט אויך 6 זייטן אין די אידישע שפראך, פול מיט ליגענס און בייזוויליגע בלבולים וואס אלעס איז געצילט צו פארדרייען דעם קאפ פאר די חרדי'שע ווילער, אז אפילו אויב זיי וועלן נישט קענען איבערצייגן די חרדי'שע ווילער צו גלויבן זייערע ליגענס, האפן זיי כאטש אריינצוברענגען א בלבול המוחות, אז עס זאלן זיין געוויסע אידן וואס זאלן טראכטן אז עס איז דא "צוויי זייטן", אז אויך אידישע עסקנים און רבנים שטיצן גאר "פרעזערוו ראמאפא", ממילא זאל מען נישט ארויסגיין שטימען "ניין" קעגן די 2 רעפערענדום פראגעס וואס איז געצילט אונטערצוגראבן די חרדי'שע אינטערעסן. פאר די אנטי-חרדי'שע אקטיוויסטן איז אויך א שטיקל געווינס אויב חרדי'שע ווילער וועלן זיצן אינדערהיים, אבי זיי זאלן נישט גיין שטימען ניין, וואס דאס וועט ערמעגליכן פאר אלע אנדערע אנטי-חרדי'שע ווילער ארויסצוקומען אין די מאסן צו שטימען "יא", און אזוי האפן זיי צו ברענגען צו אן ענדע די יושר'דיגע לעגאלע בענעפיטן פון וואס די חרדי'שע ווילער געניסן איצט פון די טאון אוו ראמאפא.

אין זייער פאשקעוויל, טענה'ט "פרעזערוו ראמאפא", אז אויב מ'שטימט "יא", וועט דאס ברענגען "אחדות" אין די טאון, ווייל יעדע געגענט אין די טאון וועט זיך זיין בארעכטיגט צו ערוויילן אן אייגענעם פארטרעטער, און אזוי וועט מען קענען לעבן בשלום... פארשטייט זיך אז דאס מיינט אז אזוי ווי מ'וועט איינטיילן די טאון מאפע אז די אידן זאלן נישט האבן מער ווי 1 אדער 2 זיצן אויפ'ן טאון בארד, וואס זיי ווילן פארגרעסערן דעם טאון בארד צו 6 מיטגלידער (און אויך דער טאון סופערווייזער) וועט אויטאמאטיש איגנארירט ווערן די געברויכן פון חרדי'שן ציבור, וואס דאס איז דאך דער הויפט ציל פון "פרעזערוו ראמאפא".

אונטער'ן איצטיגן סיסטעם קען יעדער ווילער אין די טאון - וואס נעמט אריין אויך די חרדי'שע איינוואוינער פון סקווער, וויזניץ און מאנסי - קענען שטימען פאר אלע טאון בארד מיטגלידער, וואס פארזיכערט אויטאמאטיש אז די וואס ווילן געווינען די חרדי'שע שטימען, מוזן זיין יושר'דיג געשטימט צו די חרדי'שע געברויכן און אינטערעסן. אונטער דעם נייעם סיסטעם, וועלן בלויז די פארטרעטער פון 2 דיסטריקטן וואס האבן א חרדי'שע באפעלקערונג קענען פארשטעלן די פארלאנגען פון די חרדי'שע קאמיוניטי, און אלע אנדערע טאון בארד מיטגלידער וועלן דאס שיין קענען איגנארירן און אפילו אפשאפן די איצטיגע זאונינג און אנדערע בענעפיטן וואס האט בייגעשטייערט צו דעם שיינעם בלי בלעה"ר פון די חרדי'שע געגנטער.

גאר געמיין איז זייער פאלשע באהויפטונג אז מ'האט געפעלשט




אונטערשריפטן פון רבנים (רח"ל) אין דעם "קול קורא" וואס פאדערט אויף יעדן ארויסצוגיין שטימען "ניין" אויףביידע פראגעס אין דעם רעפערענדום. די שונאים זאגן גאר, אז אויב מ'וועט אנפרעגן ביי די רבנים וועט מען הערן אז מ'האט געפעלשט זייערע אונטערשריפטן. זיי קענען דאס שרייבן אין זייער פאשקעוויל, ווייל זיי פארשטייען אליין אז קיינער וועט נישט טעלעפאנירן קיין רב, איבערהויפט אין די איצטיגע טעג בין כסא לעשור, אבער די וואס האבן יא דערציילט פאר די רבנים איבער דעם פאלשן בלבול, געבן איבער ווי ערשטוינט די רבנים זענען אז עמיצער וואס שרייבט אידישע אותיות – אפילו פאר געלט – זאל נישט מורא האבן צו שרייבן אזעלכע ליגענס אין די איצטיגע טעג ווען ערליכע אידן געבן זיך אפ מיט תשובה ותיקון המעשים, און נישט אנזאמלען זיך פרישע פעקלעך עבירות, און טאקע אזעלכע שווערע עבירות ווי פרובירן אונטערצוגראבן דעם ישוב.

די ערליכע עסקנים בעטן נאכאמאל אז מ'זאל זיך נעמען די צייט צו גיין דינסטאג שטימען, צווישן 6 פרי און 9 אווענט, און מ'זאל גיין ווי פריער אין טאג ווען עס וועט נאכנישט זיין קיין לאנגע רייעס, אזוי וועט מען ערפילן דאס התחייבות וואס מ'האט צום חרדי'שען ישוב און מ'וועט מחזק זיין די חרדי'שע עסקנים ווייטער אנצוגיין מיט די שווערע ארבעט, ווען מ'דארף באקעמפן די שונאים מיט אלע זייערע תחבולות, ובשם ה' נעשה ונצליח!